WE ARE YOUR DOL

NEW YORK STATE | Department of Labor

אפטיילונג פון לעיבאר סטאנדארטן

**מעלדונג פון ארבעט סטאנדארטן ענפארסירונג פראצעדור**

**באקומען און איבערגיין א קלאגע:**

ווען א מענטש קאמוניקירט – סיי פערזענליך, דורכ'ן טעלעפאן, אדער דורך פאסט מיט די **דעפארטמענט פאר ארבעט סטאנדארטן** וועגן אן ארבעט-פארבינדענע קלאגע, איז אונזער ערשטע שריט צו באשליסן אויב די פראבלעם איז אזוינס אין וועלכע מיר האבן די לעגאלע אויטאריטעט זיך אריינצומישן – אויב די אנגעלעגנהייט אריינגעמישט איז אינערהאלב אונזער "יוריסדיקציע". אויב עס איז נישט, וועלן מיר מאכן יעדע באמיאונג אייך צו שיקן צום אגענטור אדער ארגאניזאציע וועלכע קען אייך די בעסטע העלפן.

אויב דיין קלאגע קען זיין אינערהאלב די ארבעט סטאנדארטן יוריסדיקציע, וועט מען אייך בעטן אויסצופילן א **קלעים פארם.** א "קלאגע" ווערט א "קלעים" נאך די פארענדיגונג פון א קלעים פארם. מען קען אייך בעטן צוצושטעלן מער אינפארמאציע סיי ווען דורכאויס די אויספארשונג. נאכדעם וואס מיר האבן איבערגעקוקט דעם קלעים פארם וואס איר האט אריינגעגעבן, וועט מען אייך לאזן וויסן דורך די פאסט די קלעים נומער **(#LCM)** וואס איז געווארן באשטימט דערצו צוזאמען מיט די סטאטוס פון די קלעים און צו די קלעים איז געווארן אקצעפטירט פאר מער פארשונגען. אויב מען גיבט נישט מער אינפארמאציע ווי פארלאנגט וועט די אפשאצונג פונעם קלעים ווערן אפגעשטופט און/אדער קען די רעזולטאט זיין אז די NYSDOL וועט נישט אננעמען די קלעים פאר פארשונגען.

דורכ'ן אריינגעבן א קלעים, טוט איר געבן געגרעכט און איר פארשטייט אז די NYSDOL וועט, לויט די באשלוס פון די קאמיסיענער פון די ארבעט'ס אויטאריטעט, אפשאצן אייער קלעים פאר אקצעפטירונג אויף אויסצופארשן, אפשאצן די שיעור פון פארשונגען אויף סיי וועלכע קלעים וואס איז געווארן אקצעפטירט, און אויפצולעזן קלעימס די שנעלסטע מעגליך. די דיספאזישאן פון קלאגעס און אויפלעזונג פון פארלעצונגען וועט ווערן אפגעשאצט דורך די קאמיסיאנער פון ארבעט.

**אויספארשונג פון די קלעים:**

אויב די קלעים איז אקצעפטירט פאר אויספארשונג, וועט איר באקומען א קעיס נומער **(#LS)** דורך די פאסט. קעיסעס וועלן געגעבן ווערן ווען איינגעשטעלטע זענען גרייט אנצוהייבן זייער אויספארשונג ארבעט. איינמאל אייער קעיס ווערט איבערגעגעבן צו אן אויספארשער, וועט איר באקומען א בריוו אייך צו לאזן וויסן פון די אויפגאבע. אזוויי די פאקטן און אומשטענדן פון יעדע קלעים זענען נישט די זעלבע, קען די דעפארטעמטאריינשטעלן מערערע אינפארסירונג טאקטיקןדורכאויס איר אויספארשונג. וויפיל צייט מען דארף פאר די אויספארשונג איז אויך פארשידן, געוואנדן בעיקר אויף ווי ווייט דער ארבעטסגעבער קאאפערירט, ווי שנעל מען ענטפערט ווען סיי וועלכע פארטיי ווערט געבעטן צוצושטעלן אינפארמאציע, און די גרייטקייט פון באאיינפלוסנדע באווייזן, אזוי ווי רעקארדס, עדות'שאפט, א.א.וו. די אויספארשונג הויבט זיך אן ווען די **דעפארטמענט** פארבינדט זיך מיט די ארבעטסגעבער דורכן טעלעפאן, דורך די פאסט אדער פערזענליך. אויב די ארבעטסגעבער פארפעלט צו ענטפערן צו אונזער בריוו וואו עס שטייט די פאקטן פון די קלעים און עס בעט אינפארמאציע אדער א פארלאנג צו פארגוטיגן, קען א צווייטע בריוו געשיקט ווערן צו די ארבעטסגעבער. מיר וועלן שרייבן צו אייך יעדע שטיק צייט אייך צו אפדעיטן אויף די סטאטוס פון די אויספארשונג ביז עס איז פארענדיגט.

**פיעלד אויספארשונג:**

אין טייל פעלער, וועט א פיעלד/באזוך אויספארשונג זיין נויטיג צו פארמיטלען הילף איבער פארלעצונגען פון ארבעט געזעצן. דאס פאסירט אויב אן ארבעטסגעבער ענטפערט נישט צו אונזערע פרואוון אויפצולעזן די פארלעצונג אדער אויב די פארלעצונג האט אן השפעה אויף די גאנצע ארבעטספלאץ אדער ווערט עס די בעסטע אויסגעפארשט ביי די ארבעטספלאץ.

**אויספארשונג קאנפערענצן:**

צומאל, קען די ארבעטסגעבער פארלאנגט ווערן זיך צו באטייליגן ביי א זיצונג צו אויסשמועסן די ענינים פארמישט אינעם קלעים. וואו א געפעכט אדער אן אומ-צושטעלונג עקזיסטירט, וועט א **קאמפלייענס קאנפערענץ** – צו וועלכע ביידע פארטייען זענען איינגעלאדנט – קענען ווערן אפגעהאלטן צו לעזן די ענינים.

**אויספיר פון אויספארשונגפרעזענטאציע פון געפינסן:**

איינמאל די אויספארשונג איז אויסגעפירט, און מיר האבן אפגעמאכט אז א פארלעצונג האט פאסירט, וועט די **דעפארטמענט** פארמיטלען די פארלעצונג אריינגעמענדיג אויסארבעטן באצאלונג פאר געהאלטן וואס מען איז שולדיג. דאך, אויב די ארבעטסגעבער פארפעלט צו אויספאלגן אדער צושטעלן פארגיטיגונג, וועט מעגליך א **באפעל צו אויספאלגן** ווערן ארויסגעגעבן דורך די קאמישינער און לעיבאר. טרעפן א פארלעצונג אדער ארויסגעבן א באפעל צו פאלגן, טוט נישט גאראנטירן רעדאגירונג אין יעדע פאל. אן ארבעטסגעבער וואס שטומט נישט צו צו די דעפארטמענט'ס געפינסן, קען פעטיציאנירן די **אינדוסטריעל באורד און אפיעלס** פאר א פארמאלע הירינג. דורכאויס דעם אפיעל פארהאנדלונג, טוט די ניו יאָרק סטעיט דעפארטמענט און לעיבאר רעפרעזענטירן דעם ארבעטער(ס). די באפעל צו פאלגן פראצעס קען נעמען אפאר יאר צו שליכטן, ווייל די ארבעטסגעבער איז ערלויבט אפצואווארפן אונזערע געפינסן, פרעזענטירן איפוויזונגען וואס זאגן קעגן די קלעימס, און רופן עדות.

**ציווילע אדער קרימינאלע פאראהאנדלונגען:**

אויב א צייטליכע אפיעל פון די **באפעל צו אויספאלגן** איז נישט איינגעגעבן געווארן און דער ארבעטסגעבער האט נישט באצאלט, קען די ענין ווערן איבערגעבן צו א קאונטי קלערק, וועלכע ענהאלט אריינלייגן א "**געלט אורטייל**". **די משפט האלט אן פאר 10 יאר, און די דעפארטמענט וועט פרובירן צו באקומען הילף אויף דעם משפט וואס איז אריינגעקומען דורך אריינרופן מענטשן צום געריכטהויז אדער אנדערע מעטאדן. נישט אלע באפעלן וועלן ווערן געשיקט צו א משפט. די דעפארטמענט קען נישט אננעמען צאמנעמען ארבעט אונטער געוויסע אומשטענדן. די אומשטענדן וועלן ווערן ערקלערט צו אייך אויב עס האט צו טון מיט אייער קעיס. א משפט קעגן די ארבעטסגעבער טוט נישט גאראנטירן אז די דעפארטמענט וועט זיין גרייט צו צאמנעמען.**

**אַסיינמענט אָון דשאדשמענט:**

**אויב מען איז שולדיג פאר א מענטש געהאלט אויף א געלט משפט, קענען זיי בעטן אז די קאמישינעיר זאל געבן די משפט פאר זיי אליין אונטערצונעמען אינפארסירונג און צאמנעמען ארבעט.**

און צוגאב, קען מען באטראכטן א **קרימינאלע פראסעקיושאן** רעפערל צום אטורני גענעראל – אויב עס זענען דא גענוג באווייזן און געוויסע אנדערע לעגאלע באדינגונגען (אזוויו נישט וויסן ווא דער ארבעטסגעבער געפינט זיך) עקזיסטירט אז די קעיס זאל ווערן אנגענומען. א קרימינאלע פראסעקיושאן ווערט איינגעפירט פאר די פארלעצונג פון די ניו יארק סטעיט לעיבאר געזעצן און נישט פאר קיין שום סומע געלט וואס מען איז שולדיג פאר די באטרעפענדע פארטייען.

**אנדערע וועגן נאכצוגיין א קלעים:**

איר קענט אריינגעבן קלאגעס פאר אומבאצאלטע געהאלט, געהאלט סופלעמענטס, אווערטיים באצאלט, שאדן, א.ד.ג. אין די **קליינע קלאגעס געריכט**. דער קליינע קלאגעס געריכט איז אן אומפארמאלע געריכט וואו מענטשן קענען אנקלאגן אן קיין אדוואקאט, בלויז פאר געלט. איר קענט אנקלאגן ביז $3,000 אין טאון אדער ווילעדזש געריכטן, און $5,000 אין סיטי געריכטן. אויב אייער קלאגע איז מער ווי $3,000, אדער $5,000, קענט איר עס נישט צוטיילן צו צוויי אדער מער קלאגעס כדי צו פארמיידן פון גיין איבער די מאקסימום. אויב אייער קלאגע איז מער ווי די מאקסימום, קענט איר אנקלאגן אין ציווילע געריכט.

עס איז פארהאן א קליינע קלאגעס געריכט אין יעדע סיטי, טאון און ווילעדזש אין ניו יארק סטעיט.

צו איינגעבן א קלאגע מוזט איר אויספילן בויגנס און צושטעלן די ריכטיגע ביזנעס נאמען, לעגאלע נאמען, און ביזנעס אדרעס. א קאונטי קלערק'ס אפיס קען אייך העלפן טרעפן די ביזנעס לעגאלע נאמען. איר וועט דארפן צאלן א מאקסימום $20.00 פיילינג פרייז, געוואנדן אויפן סומע פון אייער קלאגע, אדער וואו איר וואוינט.

אויב דארפט איר א דאלמעטשער, קען דער געריכט עס צושטעלן אומזיסט.

פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ווענדט זיך צו די ניו יארק סטעיט יוניפייד געריכט סיסטעם אויף 268- (800) 1-800-CourtNY 7869 אדער question@nycourts.gov, אדער באזוכט www.nycourts.gov .